# רֶבּ יִשְׂרָאֵל בַּעַל-שֵׁם-טוֹב

## זיין לעבען, לעהרע און ווירקען

פון ש. צ. זעצער

*Copyright 1919,*
*by*
*Samuel H. Setzer*

פארלאג
„פייערבערג“

# דריטעס בוך

## גאָט, מענש און וועלט

## א.

# די מעטאַפיזישע שיטה פון בעל שם.

·יט קיין ניי אידענטום איז דער בעש"ט'ער חסידיזם. ניט קיין נייע שטריכען אפילו איז ער. ער איז נאָר די אונטערשטרייכונג פון געוויסע שטריכען אין אידענטום. דאס ארויסשטעלען אין פראָנט פון איינינע עלעמענטען זיינע. — א געוויסע פראָטעסטאַנטישע בעציהונג ניט נאָר צום תלמודישען אידעטום, נאָר אויך צו דער קבלה, אויך די קבלת האר"י ניט אויסגעשלאָסען. — אין געגענטייל צו דער קבלת האר"י איז דער .בעש"ט'ער חסידיזם מעהר הארציגע פרעדיג, ווי טעאָריע, מעהר לעבענס־סיסטעם, ווי אבסטראַקציע. — די פילאָזאָפיש־מיסטישע פאַרשטעלונג פון דער אידישער קבלה וועגען דעם לעבען און עקזיסטענץ פון גאַנצען אוניווערזום.

עס איז אַ גרויסער טעות, ווען מאַנכע קומען און שרייבען וועגען בעש"ט'ער חסידיזם, ווי וועגען אַ גאַנץ נייער און פרעמדער בעוועגונג אין אידענטום, ווי וועגען אַ בעוועגונג, וועלכע איז אַבסאָלוט גענענגעשטעלט דעם אַלטען היסטאָרישען און טראַדיציאָנעלען אידענטום. נאָך מעהר אונבעגרינדעט איז די דאָזיגע מיינונג, ווען זי שטעלט דיעזע בעוועגונג אַלס דירעקטען גענענזאַץ צום תלמודישען אידענטום.

דער בעש"ט'ער חסידיזם ציהט טיעף זיין יניקה פון די וואורצלען פון גאַנצען אידענטום, לויט ווי עס האָט זיך פאָרמולירט, דורכמאַכענדיג די פערשיעדענע עטאַפען פון זיין ענטוויקלונג. דער בעש"ט'ער חסידיזם איז ניט קיין ניי אידענטום. ער איז זאָגאַר ניט קיין נייע שטריכען אין אידענטום. ער איז נאָר די אונטערשטרייכונג פון געוויסע שטריכען אין אידענטום. אַלעס, אַלעס, וואָס דער בעש"ט'ער חסידיזם

פּרעדיגט איז ט כשר קינד פון אלטען היסטאָרישען אידענטום.
אלעס פון אידענטום וואָס איז דורכגעדרונגען מיט ווייכ־קייט און הארציגקייט, אלעס פון דער קבלה, וואָס איז דורכגע־שטראהלט מיט דעם אונענדליכען חסד און רחמים פון דעם דערבאַרעמענדיגען „אין סוף“, אלעס, וואָס איז אין איהר געפליגעלט און פאַנטאַסטיש — פון דיעזע אלע קוועלען האָט דער בעל שם דעם אינהאלט פון זיינע לעהרען און פּרעדיגען געשעפּט. פון דיעזע אלע אלטע פּערעל האָט דער בעל שם טוב געשאַפען זיין אייגענאַרטיגע הארמאָניש־צונויפגעגאָסענע וועלט־אַנשויאונג, וועלכע ווערט מיט די ווערטער דער „נייער חסידיזם“ בעצייכענט, זיין אייגענאַרטיגע פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג, איוף וועלכער עס שוועבט דער גרויסער גייסט פון איוזר גרינדער.
אויף וויפיעל אָבער דער בעש"ט׳ער חסידיזם ענטהאלט אין זיך יאָ אַ געוויסען עלעמענט פון פּראָטעסטאַנטיזם — ענטהאלט ער אין זיך דיזען עלעמענט ניט נאָר אין זיין בע־ציהונג צום תלמוד׳ישען — אָדער ריכטיגער: דעם רבנ׳ישען — אידענטום אליין, וועלכער פערוואנדעלט — פאַר זיך בע־זונדער גענומען — דעם אידען אין אַ אויטאָמאַטישער מאַשין, דאָס ציעל פון וועלכער בעשטעהט נאָר אין מקיים זיין די תרי"ג מצוות מיט זייערע פערשיעדענע תרפ"ט אלפים טרו־קענע דקדוקים, נאָר אויך בנוגע צו דער קבלה, אַן אָרגאַנישער טייל פון וועלכער אויך ער אליין איז. ער שטעהט זאָגאָר אין דער דאָזיגער פּראָטעסטאַנטישער בעציהונג אויך בנוגע צו דער קבלת האר"י ז"ל, פון וועלכער ער זויגט זיין הויפּט־יניקה, לויט דער ארחיטעקטור פון וועלכער ער האָט אלע זיי־נע אַפּאַרטאַמענטען געבויעט.
די קבלת האר"י איז מעהר בעשעפטיגט מיט די „עולמות העליונים“, ווי מיט די „עולמות התחתונים“. זי רעדט כסדר

מעהר פון גאט, ווי פון מענשען. זי איז מעהר טעאריע, ווי לעבענס־סיסטעם. זי איז מעהר אבסטראקטיש, מעהר אריס־טאקראטיש. דער בעש"ט'ער חסידיזם אבער, דאס הייסט: די אייגענע קבלת האר"י אין איהר צווייטער אויפלאגע, איז דער פארם פון בעש"ט'ער חסידיזם, איז מעהר פרעדיג, ווי טעאריע, ער איז מעהר לעבענס־סיסטעם, ווי אבסטראקציע. אין איהם לעבט מעהר דעמאקראטישער גייסט. דער בעש"ט'ער חסידיזם בעשעפטיגט זיך שוין מעהר מיט דיא „עולמות התחתונים", מיט דעם מענשען, ווי מיט די עולמות העליונים, ווי מיט גאט. ער אפערירט מעהר מיט הארץ־בעגריפען, ווי מיט מוח־בעגריפען.

מיט גאנצע וועלטען פון ווייכקייט און הארציגקייט איז דורכגעדרונגען דער בעש"ט'ער חסידיזם. עס שוועבט אויף איהם דער גוטער און רוהיגער גייסט פון בעל שם אליין. עס פיהלט זיך אין איהם דאס טויבען־פליגעל־פלאטערען פון זיין צארטער און מיטליידענדער נשמה. אין בעש"ט'ער חסידיזם פיהלען זיך ניט פער'מרה'שחורה'טע שטערען - קנייטשען פון אן אסקעטישען מקובל. אן אפענער, רוהיגער און ווייכער בליק פון גוטע ליעב־שמייכלענדע אויגען פיהלט זיך אין איהם, דאס קלאפען פון א לעבעדיג, מיטפיהלענדעס הארץ, וואס וואלט וועלען ברענגען מיט זיך טרייסט און האפנונג פאר יע־דען און פאר אלעם, וואס וואלט וועלען לינדער און גרינגער מאכען דאס לעבען פאר יעדען און פאר אלעמען.

---

איינער פון די וויכטיגסטע גרונדשטיינער אין דער קבלה איז איהר פילאזאפיש־מיסטישע פארשטעלונג וועגען דעם גאנצען וועלטליכען יש. אלעס, וואס מיר זעהן, אלעס, וואס מיר עמפפינדען, איז נאר אויסערליכע פארמען, נאר מיט־לען, וואס בעדארפען צום ציעל פיהרען, איז נאר דער טפל

פון בעהאַלטענעם, אונזעהבארען עיקר, די אויסערליכע קליפה פונ׳ם „לפני ולפנים" בעהאַלטענעם תוך. דעם סובסטאַנץ אליין אָבער זעהען מיר ניט. מיר זעהען קיינמאָל ניט דעם עיקר, דעם תוך פון דער זאַך, דער שורש פון וועלכען גע־פינט זיך שטענדיג אין דעם אוניווערסאלען „טמיר ונעלם", וועלכער איז דער אָנהויב און דער סוף און אויך דאָס וועזען אליין פון אַלעם דעם, וואָס מיר זעהען, פון אַלעם דעם, וואָס מיר טהוען און פון אַלעם דעם, וואָס מיר פיהלען.

אין איינעם מיט אונזערע גשמיות׳דיגע וועלטען געפי־נען זיך און ווערען בעשאַפען יעדער ווייַלע מיליאָנען פער־באָרגענע וועלטען, וואָס זענען כלו־רוחניות. די גאַנצע גשמיות׳דיגע וועלט אָבער און אַלעס, וואָס אין איהר, אַלע ערשיינונגען, וואָס קומען אין איהר פאָר, יעדער קלענסטער זשעסט, יעדע קלענסטע בעוועגונג, יעדער קלענ־סטער פליגעל־פלאַטער פון קלענסטער פויגעלע אפילו זענען אויך מעהר ניט, ווי אויסערליכע פאָרמען פון אַן אַנדער אינערליך לעבען, פון אַנדערע פערבאָרגענע וועלטען.

און אַט די דאָזיגע אַלע „עלמין דאתגלין" און „עלמין דאתכסין" זענען מעהר ניט, ווי דער בליץ־געדאַנק פון דעם „טמיר ונעלם", די כונה פון דער געטליכער טעטיגקייט אויף איהר אונענדליכען וועג צו איהר אונענדליכען ציעל. דאָס אַלעס איז מעהר ניט ווי איין גאַנצער אונענדליכער פּאַרדעס, וואָס ציהט זיך פון פאַנאַנדערוויקלענדען זיך קנויל פון דעם „עילת כל העילות וסבות כל הסבות". דאָס אַלעס איז מעהר ניט, ווי פערשידענע התגלות׳ען פון טמיר ונעלם, פערשיע־דענע פערבייגעהענדע פאָרמען, וועלכע עס נעהמט אָן די געטליכע ענערגיע.

## ב.

# דער שפינאזישער מאניזם און דער אידישער דואליזם.

דער אונטערשיעד צווישען דער מעטאפיזישער לעהרע פון דער אידישער קבלה און צווישען דעם שפינאציזם: דער מאנאטעאיזם גלויבט אין דואליזם אין דער נאטור, ווערענד דער פאנטעאיזם גלויבט אין דעם מאניסטישען פרינציפ. — דער אונטערשיעד צווישען דעם מאנאטעאיזם און פאנטעאיזם: לויט דעם ערשטען איז דאס העכסטע וועזען — א רעאליטעט פאר זיך. לויט דעם צווייטען אבער עקזיסטירט דער משפיע נאר אין דער השפעה זיינער. — די מעטאפיזיק פון בעל־שם איז מעהר נאהענט צום שפינאציזם, ווי די אידישע קבלה בכלל איז צו איהם נאהענט. — דער „סוד הצמצום" לויט דעם האר"י און לויט דעם בעש"ט.

און אט דיעזע מיסטישע וועלט־עמפפינדונג, אט דיעזע קאנצעפציאן וועגען דעם צוזאמענהאנג וואס עקזיסטירט צווישען דעם „יוצר" און דער „יצירה" זיינער, איז אויך דער גרונד־שטיין פון דער מעטאפיזישער שיטה פון בעל שם, איז אויך דער גרונד־שטיין פון זיין לעהרע וועגען דער גאטהייט.

איידער דער בעל שם האט זיך אבער בענוצט מיט איהר האט ער אין איהר פיעלע ענדערונגען און „תקונים" אריינגעטראגען. טראץ די אלע אלגעמיינע עהנליכקייטען איז דאך א גרויסער אונטערשיעד פאראן צווישען זיין מעטאפיזישער לעהרע און דער מעטאפיזישער לעהרע פון דער קבלה, וואס ביז איהם.

די קאָנצעפּציאָן וועגן דער שאַפענדער געטהייט און איהר צוזאַמענהאַנג מיט דעם געשאַפענעם, לויט ווי זי ווערט אין דער בעש"ט'ער מעטאַפיזיק פאָרמולירט, שטעהט פיעל נעהנטער צום שפינאָזישען מאָניזם, ווי צום אידישען דואַליזם, שטעהט פיעל נעהנטער צו דער פּאַנטעאיסטישער אידעע, ווי צו דער מאָנאָטעאיסטישער. טראָץ די אויסערליכע און אויבער־פלעכליכע עהנליכקייטען, אונטערשיידעט זיך זעהר פיעל די מעטאַפיזיק פון דער אידישער קבלה אין איהרע גרונד־פּרינ־ציפען פון דעם שפינאָציזם. זי אונטערשיידעט זיך זעהר פיעל פון זיין פּאַנטעאיסטישער לעהרע.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון אידישען מאָנאָ־טעאיזם, די קאָנסעקווענץ זיינע, צו וועלכער ער מוז פיהרען, איז דער דואַליזם אין דער נאַטור. דאָס העכסטע וועזען איז אַ רעאַליטעט פאַר זיך. דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון דער געטהייט איז אַ רעאַלער פאַקט ניט נאָר אין לעבען און עקזיסטענץ פון די נידריגע ווע־זענס, נאָר אויך אויסער זיי. ער — גאָט — האָט געלעבט נאָך איידער אַלעס איז באַשאַפען געוואָרען און וועט אויך לעבען — אָדער: וואָלט אויך געלעבט — נאָכדעם, ווען אַלעס וועט — אָדער: וואָלט — אונטערגעהן.

און אויך די לעהרען פון דער אידישער קבלה נעהמען אָן דעם פּרינציפּ פון דואַליזם אין דער נאַטור. זיי האָבען נאָר אַ מעהר מיסטישע פאָרשטעלונג וועגן דער עמפּירישער וועלט. זי ציהט נאָר שאַרפערע און טיעפערע בעציהונגען צווישען דעם יוצר און דער יצירה זיינער. אָבער ניט מעהר. דער שכל הפועל, לויט דער אידישער קבלה, ווערט ניט אין דער פּעולה פערשלונגען. ניט נאָר אין דער השפּעה אליין עקזיסטירט דער משפּיע. דער מקור לעבט זיך זיין אייגען, בעזונדער לעבען. דאָס לעבען פון אוניווערזום איז מעהר

ניט ווי א געוויסע פארם פאר א געוויסען מאמענט אין זיין לעבען. דאס לעבען פון אוניווערזום איז פון זיין לעבען אבהענגיג. דורך זיין ווילען איז דער אוניווערזום באשאפען געווארען. דורך זיין לעבען איז דאס לעבען און עקזיסטענץ פון אוניווערזום מעגליך. זיין לעבען איז אבער ניט פון לע־בען פון אוניווערזום אבהענגיג.

דאס אלעס לערנט דער אידישער מאנאטעאיזם, דאס אלעס לערנט די אידישע קבלה דאמאלס, ווען דער פאנ־טעאיזם טיילט ניט דעם יוצר פון דער יצירה פאנאנדער. דער שכל הפועל עקזיסטירט נאר אויף אזוי פיעל, אויף ווי־פיעל די פעולה עקזיסטירט. די השפעה און דער משפיע זיי־נען פון אייביג אן צוזאמענגעבונדען, צוזאמענגעהענגר. עס זיינען ניטא קיין „צוויי רשויות". אלעס איז ניט נאר פון גאט: אלעס איז אויך גאט אליין. דאס העכסטע וועזען איז ניט קיין רעאליטעט פאר זיך. דאס לעבען און עקזיסטענץ פון דעם אוניווערזום איז ניט נאר א געוויסע פארם פון דעם לעבען און עקזיסטענץ פון דער געטהייט, נאר טאקי זיין עיקר וועזענטליכקייט, זיין איינציגע וועזענטליכקייט אליין. די אלע געזעצען, טענדענצען און ציעלען וואס הערשען אין דער נאטור, צוזאמען מיט דעם גאנצען מאטעריעלען אינהאלט איהרען, — דאס אלעס, אדער, אין דעם אלעס, איז די געט־הייט. קיין אנדער געטהייט איז ניט פאראן.

און נאר דער בעש"ט'ער צווייג פון דער אידישער קבלה טראגט אויף זיך, ווי איך האב שוין פריהער געזאגט, אן אינטימע פערוואנדשאפט מיט דעם שפינאזישען פאנטע־איזם. אלענפאלס פערמאגט ער אין זיך פיעל מעהר פאנטע־איסטישע עלעמענטען, ווי די אידישע קבלה בכלל פערמאגט זי.

זי פערמאגט זי בעזאנדערס אין דעם טייל איהרען, וואו זי פערברייטעט און פערטיעפט די פונקטען פון דער

אידישער קבלה, וועלכע רעדען וועגען דער אבשפיגלונג פון איביגען לעבען אין דעם פערבייגעהענדען.

---

ווי אלעס וואס דער בעל שם האט געלערנט און גע־פרעדיגט, איז אויך די מעטאפיזיק זיינע, זיין לעהרע וועגען דער געטהייט מיט א טיעפען דעמאקראטישען גייסט דורכ־געדרונגען. עס האט דער בעל שב גאט פון הימעל אויף דער ערד אראבגעבראכט און האט איהם ניט נאר מיט דעם מענ־שען אין אינטימער בעריהרונג געשטעלט, נאר אויך מיט אלעם דעם וואס לעבט, און מיט אלעם דעם וואס עקזיסטירט.

די עמפירישע וועלט איז שוין, לויט זיין מעטאפיזישער לעהרע, ניט נאר מאטעריאל טויטער, אויף וועלכער עס פאלען שטראהלען פון זיין איביג לעבען, נאר גאנצע שטי־קער, כביכול, פון זייז אייגענער וועזענטליכקייט. זיין מע־טאפיזיק רעדט אזוי פיעל וועגען דער בעהעפטונג פון איי־בינען און פארבייגעהענדען, וועגען דער עקזיסטענץ פון אונ־שטערבליכען און שטערבליכען; ער אונטערשטרייכט דאס אלעס אזוי טיעף אלע מאל, גלייך ווי עס וואלט ווירקליך קיין אונטערשיעד צווישען גאט און דער נאטור ניט געווען.

עס איז דער גאט פון בעל שם ניט נאר דער גאט פון די הויכע און ווייטע הימלען. ער איז דער גאט פון דער ערד, פון די אונצעהליגע מענגען מענשען אין יעדען קעהר און ריהר זייערען. ער איז שטענדיג מיט זיי און אין זיי. דער אל אלהי ישראל, דער אל אלהי החסד והרחמים, האט ניט נאר באשאפען אלעס, ער איז אויך פערקערפערט אין אלעס. און אויב מען קען איהם ניט זעהן קיינמאל, קען מען איהם אבער פיהלען שטענדיג. עס איז גאר דאס ווינקעלע אויף דער וועלט ניט פאראן, אוואו ער זאל זיך ניט געפינען דארטען.

„אמת, דורך פיעל אייזערנע מחיצות און פעסטונגען בע־האלט ער זיך אויס פון אונז. די אנשי הדעת אבער ווייסען, אז דיזע אלע אייזערנע מחיצות און פעסטונגען, די אלע „לבושין" און צודעקען זיינען אין עיקר עצם זייערען פון זיין אייגע־נער וועזענטליכקייט, ווארים קיין פלאץ איז פון איהם ניט פריי".*)

„די אלע פערשיעדענע וועלטען און אלעס, וואס גע־פינט זיך אין זיי, אלעס, וואס מיר קענען מיט אונזערע חושים פיהלען, אלעס, וואס ציהט זיין עקזיסטענץ פון די געזעצען, וואס הערשען אין דער נאטור, אלעס, וואס מיר קענען מיט אונזער שכל בעגרייפען, זיינען אין זייער איי־גענער וועזענטליכקייט גאר ניט. זיי זיינען אלע פון זיין ווילען און חסד אבהעננגיג. און ער און זיי זיינען איין פאל־קאמע איינהייט. קודשא ברוך הוא האט זיך נאר בעהאלטען, כביכול, אין פיעלע פערשיעדענע לבושים, בעהעלטענישען און קאנצענטראציאנען, אין וועלכע און דורך וועלכע ער באהאלט זיך אויס פון די אויגען פון זיינע ברואים, און זיי זעהען יעדע זאך, ווי א מחיצה, וואס שיידעט אב און טיילט פאנאנדער צווישען זיי און צווישען דעם באשעפער זיינעם. און אין דעם באשטעהט טאקי די גוואלדיגע גבורות פון יוצר בראשית — אין דעם וואס ער בעהאלט זיך אויס פון אונז אין די התגלות׳ען זיינע און ענטפלעקט זיך פאר אונז אין זיינע פערהיילונגען".

אלעס וואס געפינט זיך, זאגט דער בעל שם, אויבען און אונטען, איז איין פאלקאמענע אחדות. „אלעס איז גע־מאכט און באשאפען געווארען פון זיין וועזענטליכקייט

*) הוא מסתתר בכמה מחיצות והומות ברזל. אבל אנשי הדעת יודעים שכל מחיצות וחומות הברזל וכל לבושין וכסוין הוא עצם מעצמותו יתברך. דלית אתר פנוי מניה.

יתברך, ווי אַט יענע טשערעפּאַכע, דער לבוש פון וועלכער איז פון איהר אַליין, און אין איהר אַליין טאַקי״. און דעריבער קומט אויס, אַז „דאַמאַלס ווען דו טראַכסט וועגען בורא יתברך, טראַכט ער אויך וועגען דיר דאַמאַלס״.

און דאַ קומען מיר צום אונטערשיעד, וואָס עקזיסטירט צווישען דעם גאָט פון בעל שם און דעם גאָט פון האר״י הקדוש. לויט דעם בעל שם, האָט גאָט זיין אייגענע וועזענט־ליכקייט אין אוניווערזום פאַרקערפּערט. ער האָט אַלעס פון זיך אַליין באַשאַפען. איבערפילט פון גרויס ליעבע, חסד און רחמים — האָט ער זיין עקזיסטענץ און זיין לעבען מיט דער עקזיסטענץ און לעבען פון דער גאַנצער נאַטור צו־נויפגעגאָסען.

גאַנץ אַנדערש אָבער האָט זיך דער גאָט פון האר״י הקדוש געהאַלטען, ווען ער האָט זיך פערטראַכט זיין וועלט צו באַשאַפען. ער האָט זיך דאַן, ווי אַ שטאָלצער מיוחס גע־האַלטען. ער האָט זיך דאַן, ווי מעשה־אַריסטאָקראַט גע־פיהרט. ער האָט די גאַנצע זאַך גאָר אין גאַנצען, ווי אָהן ליעבע געטהון, נאָר ווי א מוז, ווי א טהאַט, וואָס איז אויף איהם אַרויפגעצוואונגען געוואָרען פון דעם דראַנג צום שאַפען, וואָס לעבט אין איהם.

און דעריבער האָט ער ניט באַשאַפען די וועלטען פון זיין אייגענער וועזענטליכקייט, ווי אַט „יענע טשערעפּאַכע, וואָס דער לבוש איהרער איז פון איהר און אין איהר אַליין״. „ער האָט זיך מצמצם געווען, וואָס מעהר אין זיך קאָנצענ־טרירט, אָבגעגאַנגען אין די זייטען, און אין דעם לעדיגען פּלאַץ זיינען באַשאַפען געוואָרען מיליאָנען און מילי־מיליאָ־נען וועלטען. דער אין סוף האָט זיך, כביכול, מצמצם געווען, כדי דיזע אַלע כּחות זאָלען לידי התגלות קומען און ער זאָל זיי מיט זיין ליכט קענען בעשטראַהלען״.¹

דער גאָט פון בעל שם האָט אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט די וועלטען באַשאַפען אַלעם אין זיך איינגעזויגען און אויך זיך אַליין אין אַלעם איינגעזויגען. דער גאָט אָבער פון האר"י הקודש איז דאמאלס אין דער זייט געשטאַנען, וואָס מעהר און מעהר אין זיך אוועק, כדי ער זאָל דאָן אין וואָס ווענינער בעריהרונג מיט דער שעפּפונג קומען.

ג.

# דער בעשט'ר פאַנטעאיזם

די צוזאמענהאנג צווישען די „עולמות העליונים" מיט דעם „עולם התחתון." — גאָט איז איבעראַל, אפילו אין די עבירות, וואס דער מענש טהוט. — דער חטא אליין ווי אויך דער תענוג פון חוטא קוועלט פון תענוג העליון ארוים. — אין טיעפען שורש זייערען איז דאס גוטע מיט דעם שלעכטען פעראייניגט. — דער ענין פון „המתקת הדינים." — די שלעכטע מידות פון רשע ווערען ביים צדיק אין גוטע פער־וואנדעלט. — אין אלעם דעם, וואס האט אירגענד־וועלכע גייסטיגע אדער מאטעריעלע עקזיסטענץ, איז די גאָטהייט פאראן. — קיין זאך איז דעם מענשען ניט אזוי נאָהענט, ווי גאָט איז איהם נאָהענט: גאָט האט זיך נאָר מיט פערשיעדענע מחיצות פערשטעלט. איז אָבער שטארק ביים מענשען דער בעגעהר גאָט צו זעהן — פערשווינדען דאן די אלע מחיצות באלד.

אלעם וואָס דער הארי ז"ל האָט מחדש געווען, זאָגט דער „סדר הדורות החדש", איז וועגען הימעל פון אויבען, וועגען די „עולמות העליונים" און וועגען די „אורות העליונים". ניט יעדער מוח איז אָבער מסוגל צו משיג זיין, וואָס פון אויבען טהוט זיך. דער בעל שם טוב אָבער האָט ענטפּלעקט די געטהייט דאָ אויף דער ערד. בעזאָנדערס אין „אדם התחתון", ער האָט אונז דעם גרויסען סוד ענטדעקט, אז עס איז קיין אבר און קיין כח פאראן, וואס זיי זאָלען ניט קיין לבוש זיין פאַר דעם געטליכען כח, וואָס איז אין זיי בעהאלטען. און דאָס זעלבע איז אויך בנוגע צו אלע אנדערע זאכען וואָס עקזיסטירען אויף דער וועלט. עס איז ממש קיין ברעקעל

פלאץ און אָרט ניט פאַראַן, אַוואו די געטהייט זאָל זיך דאַר־טען ניט געפינען.*)

דעם האר"י — זאָגט איינער פון „מגיד'ס" תלמידים,— זיינען בעוואוסט געווען די אַלע וועגען פון הימעל. ער האָט דאָרטען אַלעס אויסגעפאָרשט און אויסגעזעהן און אַלעס ריכ־טיג פערצייכענט און אויפגעשריבען; דער בעש"ט אָבער האָט אונז מגלה געווען דעם גרויסען סוד, ווי אַזוי די אַלע וועגען פון עולם העליון פעראייניגען זיך מיט דעם עולם התחתון אין יעדער באַוועגונג, אין יעדען זשעסט, אין יעדען וואָרט און אין יעדען פאַקט.

די שכינה, זאָגט דער בעל שם טוב, געפינט זיך אין די אַלע פיעלע מדרגות, וואָס ציהען זיך פון אויבען ביז אַראָב. און דאָס איז דער סוד פון „ואתה מחיה את כלם" — דו בעלעבסט זיי אַלעמען. וואָרים ווען דער מענש טהוט אפילו אַן עבירה חס ושלום, אויך דאַן איז זיך די שכינה מתלבש אין איהם. וואָרים אָהן איהר, וואָלט ער ניט בכח גע־ווען מיט קיין אבר צו ריהרען. וואָרים נאָר גאָט איז דער קוואַל פון זיין לעבען. נאָר ער גיט אין איהם קראַפט און לעבען אַריין. און דאָס איז דער פשט פון „גלות השכינה". בביכול. אפילו אין ניאוף איז זיך די שכינה מתלבש, בביכול. וואָרים מיט זיין כבוד איז די גאַנצע וועלט פול. אפילו דער פלאַץ, אַוואו דער חטא ווערט בעגאַנגען, ווי אויך דער תענוג פון חוטא ווערט פון תענוג העליון געצויגען.**)

---

*) כל אשר גלה האר"י ז"ל הוא בשמים ממעל, בעולמות העליונים ואורות העליונים ולאו כל מוחא סבול דא להשיג אשר למעלה. והבעש"ט גלה את האלקות פה בארץ, בפרט באדם התחתון, שאין בו שום אבר ושום כח מה שאינו לבוש לכח האלקי, אשר טמון וגנוז בקרבו. וכן בכל הדברים הנמצאים בעולם. ממש לית אתר פנוי מניה.

**) השכינה היא מעילא לתתא עד סוף כל המדרגות. וזה הוא סוד ואתה מחיה את כולם. שאפילו כשהאדם עובר עבירה ח"ו אזי גם כן השכינה מתלבשת בו, כי בלא היא לא יהיה בו כח לעשות זאת ולהניע בשום אבר,

און ניט נאָר אין די טהאַטען און האַנדלונגען פון מענשען געפינט זיך גאָט. ער געפינט זיך אויך אין די געדאַנקען זיינע. אויך דאַמאָלס, ווען ער טראַכט און דענקט געפינט זיך גאָט אין איהם. אין די אַלע מחשבות פון מענשען געפינט זיך די עקזיסטענץ פון איהם יתברך. „אפילו אין אַ מחשבה זרה, אין זינדיגע און אומריינע געדאַנקען, געפינט זיך די עקזיסטענץ זיינע. און דער מענש בעדאַרף זי נאָר מתקן זיין און צו אַ העכערער מדרגה זי ברענגען". „כי הנה אויבך ה'". אַפילו אין שונא דיינעם, אין שטן, אין יצר הרע, איז נאָר גאָט פאַראַן און אויסער איהם, גאָר ניט.

די שכינה — לערנט ווייטער דער בעש"ט'ער חסידיזם — שליסט אין זיך איין די אַלע עולמות: דעם דומם, צומח, חי מדבר, און די אַלע זאַכען וואָס געפינען זיך אויף דער וועלט, סיי גוטע און סיי שלעכטע. עס איז אַפילו קשה: ווי קענען זיין צוויי הפכים אין איין נושא? ווי קען די שכינה ענטהאַלטען אין זיך צוויי גענענגעזעצטע זאַכען? אין אמת'ן אָבער איז דאָס גאָר קיין קשיא ניט. אין טיעפען שורש איז דאָס גוטע מיט דעם שלעכטען פעראייניגט. וואָרום דאָס שלעכטע „דיענט אַלס כלי פאַר דעם גוטען". עס איז קיין אבסאָלוט שלעכטעס פאַראַן. ווען דאָס שלעכטע ברענגט גוטעס מיט זיך, ווערט עס אַ כלי אין וועלכען דאָס גוטע געפינט זיך. און אַלעס ווערט דאַן אויף דער מדרגה פון „כלו טוב" געשטעלט. עס קומט דאַמאָלס פאַר אַ מין „בטול הקליפות" כמעט, עטוואָס פון דעם „עתיד לבוא". און דאָס איז דער ענין פון „המת... הדינין". דער שטרענגער אינהאַלט פון די קאַטעגאָרישע פרינציפען ווערט אין זיין גענענזאַץ פערוואַנ־

---

כי הוא המחיה אותו ונותן בו כח וחיות. וזה כביכול גלות השכינה. גם ביחוד של ניאוף שקר השכינה כביכול מתלבשת שם ג"כ. כי כבודו מלא כל העולם כביכול. גם מקום החטא והתענוג של החוטא נמשך מתענוג העליון.

דעלט דורך די אנלאגעז, וואס זיי טראגעז איז זיך, צו קענעז אויסגענוצט ווערעז פאר גוטע צוועקעז. „דורך דעם, וואס מעז געפינט אויס איז דער מדרגה פוז דיז דעם שורש פוז חסד, ווערט אלעם חסד. מיר זיינעז ממתיק דעם דיז דורך דעם שורש חסד, וואס מיר האבעז איז איהם אויסגעפונעז".

„אט נעהמט, למשל, די מדות: גדלות, תקיפות און קמצנות. זיי זיינען פון די ערגסטע מדות. אין אמת׳ען אבער זיינען זיי א „כסא לטוב". און אמאל בעדארף מען זיך בע־נוצען מיט זיי, מען זאל זיי אין דער מדרגה פון קדושה אריינברענגען. גאוה, למשל, איז ניט שטענדיג שלעכט. די חז"ל האבען אונז געלערנט, אז א תלמיד חכם בעדארף אין זיך האבען „אחד מבשמינית" — אן אכטעל — פון דיעזער מדה. תקיפות — איז אויך ניט שטענדיג א שלעכטע מדה. א פרומער איד בעדארף זיך אננעהמען פאר גאט׳ס כבוד פון די בעלי עברה׳ניקעס. קמצנות — איז אויך אמאל א מדה טובה. די גמרא לערנט אונז, אז קיינער טאר ניט צעטיילען פאר צדקה מעהר, ווי א פינפטעל פון זיין פארמעגען.

דיזעלבע מדות מיט וועלכע דער רשע בענוצט זיך אין גשמיות, בענוצט זיך מיט זיי דער צדיק אין רוחניות: ביים רשע זיינען די אויגען אין גשמיות גרויס. וויפיעל ער האט, איז איהם אלץ ווענינ, און ער וואלט וועלען נאך און נאך. און אויך דער צדיק האט גרויסע אויגען. ביי איהם אבער זיינען זיי גרויס אין רוחניות. די אלע מעשים טובים, וואס ער טהוט, זיינען איהם וועניג, און ער זוכט וואס מעהר מצוות צו טהאן. און דאס זעלבע איז מיט גדלות. דער רשע האט דיזע שלעכטע מדה אין גשמיות, און דער צדיק אין רוחניות. ער פראוועט גדלות אנטקעגען דעם יצר הרע, וועלכער רעדט איהם אן: וואס איז גאר אין גאנצען דער מענש, ער זאל אויף זיך אזא גרויסע און שווערע ארבייט

נעהמען צו דיענען השם יתברך, וועלכער איז דער עיקר און שרש פון די אלע וועלטען? דער צדיק פאלט אבער ניט אונטער דעם איינפלוס פון יצר הרע. ער וויל זיך ניט קליין האלטען. ער בעטראכט זיך אלס גרויס גענוג ער זאל יא קע־נען דיענען דעם בורא יתברך.*)

„און דאס אייגענע איז אין בעצוג צו שיחות חולין, צו דבורי־רשות — רעד, וואס זענען ניט קיין מצוה און ניט קיין עבירה — און צו מחשבות־רשות. ביים עהרליכען אידען ווע־רען זיי א לבוש פאר די דברי תורה זיינע און פאר זיינע היי־ליגע מחשבות. ווארום אויך די ווי יענע זענען אותיות. און די אלע עולמות האלטען זיך אלע נאר אין די צוויי און צוואנ־ציג אותיות פון דער תורה. נאר אין די צרופים זייערע — אין די פערשיעדענע קאמבינאציאנען פון די אותיות — ליעגט דאס גאנצע לעבען און עקזיסטענץ זייערס. און דעריבער זע־נען די דבורים פון דער קדושה זיך מתגבר איבער די דבורי הרשות. זיי ווירקען אויף זיי צו גוטען. זיי פערענדערען די צרופים זייערע. דורך דעם ווערען זיי אין די צרופים פון דער תורה, וואס אט יענער מענש האט געלערנט, פערוואנ־דעלט.״**)

אט אזוי זעהען מיר, אז שלעכטס אין אבסאלוטען זין

*) מה שיש לרשע במדות בגשמי יש לצדיק ברוחני: לרשע יש עין רעה בגשמי. שכל טובה, שיש לו, אינה מספיקה לו ואינו שבע ומתאוה עוד, משא"כ הצדיק יש לו מדה זו ברוחני נגד היצר הרע, המפתה אותו: מה אנוש, שילך בגדולות האלה לעבוד השם יתברך, עקרא ושרשא דכל עלמין? ונגד זה יש לו רוח גבוה, גם נפש רחבה, שמתאוה הצדיק בכל מיני תאוה שאפשר בעבודת השם יתברך. והרשע יש לו מדה זו בגשמי.

**) שיחות חולין, שהן דבורי הרשות וכן מחשבות רשות הן נעשות לבוש לדברי תורה ולמחשבות קדושות של האיש הירא ותנלבב, כי הלא אלו ואלו הן אותיות ואין כל העולמות תלויים רק בכ"ב אותיות התורה, רק שבצרופים יש שנויים. ולכן דבורי הקדושה מקדישים את דבורי הרשות הללו ומהפכים אותם ומשנים הצרופים ונעשה מהם צרופי תורה, שלמד האיש ההוא.

איז גאָר ניט פערהאַן, אז די אַלע שלעכטע מדות פון מענשען קען מען אין גוטע פערוואַנדלען. און דאָס איז דער ענין פון „סור מרע ועשה טוב.“ „געה אַוועק פון שלעכטען און פער־וואַנדעל עס אין גוטעס.“ ווארום אין שלעכטען איז אויך גו־טעס פערהאַן. „אין שקר איז אויך א טייל אמת פערהאַן.“

מיט איינעם וואָרט: גוט איז אומעטום. אין אַלעם דעם, וואָס האָט אירגענד־וועלכע גייסטיגע אָדער מאַטעריעלע עק־זיסטענץ — אפילו אין די ערגסטע עלעמענטען פון אוניווער־זום: אין די אַלע ערגסטע מחשבות זרות און מעשים זרים. אויך אין זיי לעבט דאָס אייביגע לעבען. אויך זיי וואָלטען אין זיך קיין כח און קיין חיות פערמאָגט, ווען די שכינה וואָלט זיי ניט מיט איהר כח און לעבען בעשטראַהלען. די אַלע מילי־מיליאָנען פערשיעדענע פאָרמען פון לעבען און עקזיסטענץ זענען אין תוך זייערען מעהר ניט, ווי די פערקערפּערונג פון געטליכען און פון דער געטליכער ענערגיע.

---

ווייט אין דער הויך זיינען די הימלען. עס טראָגט זיי אָבער יעדער מענש ביי זיך אין האַרצען. קיין זאַך איז ניט דעם מענשען אַזוי נאָהענט, ווי גאָט איז איהם נאָהענט. מען בעדאַרף נאָר שטרעבען צו איהם. מען בעדאַרף איהם נאָר וועלען פיהלען אין זיך. מען בעדאַרף נאָר אין גרויסען סוד פון לעבען זיך קענען איינטיעפען. עס בעדאַרף איינער באמת וועלען גאָט זעהן, וועט ער איהם דערזעהען באַלד.

און מיט דעם פאָלגענדען שענעם משל אילוסטרירט דער בעל שם די גראַנדיעזע פאַנטעאיסטישע אידעע זיינע.

עס האָט אַמאָל א קיסר, א גרויסער חכם, געמאַכט דורך אויגען־פערבלענדעניש פערשיעדענע פעסטונגען, טהורעמס און טוירען. זיי האָבען בעדאַרפט אַלס מחיצה דיענען צווי־שען איהם און צווישען זיינע אונטערטאַנען.

און ביים אריינגאנג פון יעדן טויער האָט ער געהייסען פערשיעדענע טייערע זאכען פון זיינע רייכע אוצרות צו פער־שפרייטען.

האָבען זיך מענשען היין און הער געצויגען.

ווער עס איז מיט עטליכע טויערען מעהר דורכגעגאנגען; און ווער מיט עטליכע טויערען ווייניגער. שטארק טיעף אָבער האָט זיך קיינער ניט געלאָזט.

צו וואָס ?

ביי יעדען איינעם זיינען באלד די אויגען, פון די פיעלע רייכקייטען פערבלענדעט געוואָרען. האָבען זיי פולע הענד פון דעם אלעם גענומען און האָבען זיך באלד א היים געלאָזט.

עס האָט קיינעם אין דעם גרויסען מלך ניט געדענקט.

עס האָט ביי קיינעם קיין באגעהר ניט געלעבט חאָטש אויף וויפיעל עס איז נאָהענטער צום מלך צוקומען.

אנדערש איז דאָס אָבער מיט דעם געליעבטען זוהן פון מלך געווען.

ער האָט נאָר איין געדאנק אין זינען געהאַט; ער זאָל דוקא ביז צום טאטען זיינעם, דעם קעניג, צוקומען.

קיין אנדער זאך האָט פאר איהם קיין שום אינטערעס ניט געהאַט. די אלע רייכע אוצרות וואָס ער האָט געזעהען פאר זיך, האָבען ווי גאָר ניט עקזיסטירט פאר איהם.

און ווי ער איז אזוי פער'דבקה'ט געווען אין שטארקען באגעהר זיינעם, זיין פאטער צו זעהן, האָט ער פלוצלינג דערפיהלט, אז קיין שום מחיצה טיילט ניט צווישען איהם און זיין פאטער פונאנדער, און ער האָט אין איין מאָמענט דעם פאטער זיינעם דערזעהען.

וואָרים עס איז אלעס נאָר אויגען־פארבלענדעניש געווען.

מיר זעהען די זאכען, וועלכע האבען ניט קיין ווירקליכע עקזיסטענץ, וועלכע זענען מעהר ניט, ווי אויגען־פערבלענדע־ניש. דאס ווירקליכע און איינציגע לעבען אבער זעהען מיר ניט.

עס בעדארף אבער דער מענש אויף א מאמענט פון א שטארקען בעגעהר, דעם יוצר זיינעם צו דערקענען, בע־הערשט ווערען, וועט פון איהם באלד דער גאנצער אחיזת־עינים זיינער פערשווינדען, און ער וועט דאס ווירקליכע לעבען דערזעהן:

עס וועט פאר איהם דאמאלס דער מאמענט פון זיין התגלות קומען, און ער וועט דערזעהען און דערהערען אזוינע זאכען, וואס קיינער זעהט ניט און קיינער הערט ניט. ער וועט אין איין מאמענט די יצירה אין דעם יוצר און דעם יוצר אין דער יצירה דערזעהן, און א גרויסע פרייד וועט זיך דאן אין זיין הארצען צעגיעסען, און ער וועט דאמאלס מא־מענטען פון העכסטער בעגייסטערונג איבערלעבען.

ווארום עס וואלט ווירקליך דער מענש מיט א בענקענ־דער און זינגענדער נשמה בעדארפט ארומגעהן שטענדיג, ווען ער זאל א „רואה פני המלך" קענען זיין. טויב און בלינד אבער זענען די מענשען. זיי זעהען ניט דאס געטליכע גע־שטאלט, וואס געפינט זיך אומעטום, און הערען ניט דאס געט־ליכע געזאנג, וואס טראגט זיך איבעראל. נאר יחידי סגולה זענען מיט ליכטיגע אויגען און אפענע אויערען געבענשט. נאר זיי הערען און זעהען די געטהייט שטענדיג.

און דערפאר לעבט ביי זיי אין הארצען אזא גרויסע פרייד שטענדיג. און דעריבער איז זייער נשמה מיט אזוי פיעל געזאנג און בענקעניש שטענדיג פול.

עס איז אמאל — אילוסטרירט דער בעל שם מיט א צווייטען משל די שענע פאנטעאסטישע אידעע זיינע — א גרויסער מייסטער אויף א מוזיקאלישען אינסטרומענט גע־

ווען. ער האט וואונדערבאר שען געשפּילט, און זיין שפּיע־
לען האט אין זיך פיל הארציגקייט און מתיקות פערמאגט.

די אלע, וואס האבען זיין שפּילען געהערט, האבען זיך
ניט געקענט בעהערשען. זיי האבען געזמירעט דאמאלס אויף א
„שטורמישען" אופן זייער גוואלדיגע התפעלות אויסדריקען.
פון גרויס ענטציקונג און חיות, וואס דאס שפּילען האט געבראכט
אין זיי ארייגעבען, פלעגען זיי זיך דאן אזש פון זייערע
ערטער הויבען און פלעגען ביז צו דער סטעליע שפּרינגען.
און וואס מעהר איינער איז נאהענט צום מנגן געשטאנען און
וואס מעהר איינער האט זיך אין זיין שפּילען איינגעטיעפט,
אלץ מעהר פערגניגען האט ער געהאט, און אלץ מעהר האט
ער דאמאלס פון גרויס ענטציקונג און בעגייסטערונג
געטאנצט און געשפּרונגען.

האט דער מנגן אמאל אזוי אין א געוויסען פלאץ גע־
שפּילט.

דערווייל איז איינער א טויבער אהין אנגעקומען. האט
ער דערזעהען, ווי מענשען טאנצען און שפּרינגען און מאכען
זיך נאריש — האט ער זיי, ווי משוגעים בעטראכט. „וואס
פאר א שמחה איז דאס אויף זיי? האט ער ביי
זיך אין הארצען געטראכט.

ער האט דאס שפּילען ניט געהערט און ניט פערשטא־
נען. האבען ביי איהם די בעגייסטערטע מענשען, ווי משוגעים
אויסגעזעהן.

ווען ער וואלט אבער טויב ניט געווען זיין און וואלט
אויך דערצו נאך א פיינעם חוש פאר מוזיק פערמאגט, וואלט
ער אויך געווען געטאנצט און געשפּרונגען מיט אלעמען פון
גרויס תענוג און מתיקות, וואס דאס שפּילען פון גרויסען
מייסטער וואלט אויך ביי איהם געווען ארויסגערופען.

טויב און בלינד געהען מיר ארום איבער דער וועלט. מיר זעהען גאָר ניט און הערען גאָר ניט. און טאָמער געפינען זיך איינינע יחידי סגולה, וואָס גאָט האָט זיי זיינע סודות פערטרויעט, ווילען מיר זיי מיט אונזער שפּאָט און געלעכ־טער פערשטיינערען.

פאָר די בלינדע עקזיסטירען גאָר אינגאַנצען קיין פאַר־בען ניט.

און פאַר די טויבע עקזיסטירט גאָר אינגאַנצען קיין נגינה ניט.

## ד.

# פאראלעלען צווישען דעם שפינאזישען פאנ־טעאיזם און בעש"ט'ער

פאראלעלען צווישען דער פאנטעאיסטישער אידעע פון שפינאזא און צווי־שען דער זעלבער פון בעל־שם. — דער אונטערשיעד אין דעם אינ־האלט פון דער פאנטעאיסטישער פארמולא „אלעס איז גאט און גאט איז אלעס" לויט דעם שפינאציזם און לויט די בעלי־הקבלה. — ביי דעם ערשטען איז דיעזע פארמולא אן ענטפער אויף דער פרא־גע: „וואס איז גאט?" און ביי די לעצטע — אויף דער פראגע: „אוואו איז גאט?" — דער פאנטעאיזם פון שפינאזא גרענעצט זיך מיט אטעאיזם און דער פאנטעאיזם פון בעל־שם איז דער העכסטער און שענסטער אויסדרוק פון אידישען מאנעטעאיזם. — דער גאט פון בעל־שם איז דאס געוויסען און בעוואוסטזיין פון דער וועלט; און פריי איז ער שטענדיג אין זיינע טהאטען און ווילען זיינעם.— דער גאט אבער פון שפינאזא איז אפילו איבער זיך אליין קיין בעל הבית ניט. — ער איז א געשמידטער שקלאף שטענדיג אין די אייזערנע קעטען פון אורזאכען און קאנסעקווענצען. — ניט זיין פרייער ווילען איז די טרייבענדע קראפט אין דער נאטור, נאר דער דעטערמעניזם.

און דא קומען מיר צום אונטערשיעד, וואס עקזיסטירט צווישען דער פאנטעאיסטישער שיטה פון שפינאזא און צווי־שען דער פאנטעאיסטישער שיטה פון בעל שם.

לויט דער שיטה פון בעל שם איז די געטהייט ניט נאר א רעאליטעט פאר זיך; — און אין דיעזען פרט אונטערשיע־דעט זי זיך ניט פון דער לעהרע וועגען דער געטהייט פון דער אלגעמיינער אידישער קבלה: — נאר זי איז אויך די איינ־ציגע ווירקליכע רעאליטעט, דאס איינציגע ווירקליכע לעבען. אלעס, אלעס, וואס לעבט און עקזיסטירט איז אין פערגלייך

מיט דער רעאַליטעט פון גאָט מעהר ניט, ווי אַן אויגען־פּער־בלענדענעש. אויך וויפיעל זיי ערשיינען פאַר אונז אין דער פאָרם, אין וועלכער מיר זעהען זיי, עקזיסטירען זיי גאַר אינ־גאַנצען ניט, זענען זיי מעהר ניט, ווי אחיזת־עינים. זייער ווירקליכע עקזיסטענץ איז נאָר אין דעם בעהאַלטענעם סוב־סטאַנץ זייערען, וועלכען מיר זעהען ניט. זייער ווירקליך לע־בען איז נאָר אין דעם געטליכען עלעמענט, וועלכער איז אין זיי פערקערפּערט. זיי לעבען נאָר אויף אַזויפיעל, אויף ווי־פיעל די געטהייט לעבט אין זיי. אַלעס איז טאַקי גאָט. די רעאַליטעט אָבער פון דער געטהייט שעפּט זיך ניט אויס נאָר אין איהר עקזיסטענץ אין דער עמפּירישער וועלט. די גאַנצע עמפּירישע וועלט איז מעהר ניט, לויט דעם בעל שם, ווי אַ צווייפאַכיגע פאָרם: „1) אַ מיטעל, דורך וועלכען מיר זאָלען קענען  ז י י ן  לעבען אַהנען, דורך וועלכען מיר זאָלען קע־נען זיין עקזיסטענץ פיהלען; 2) מיטלען און וועגען, דורך וועלכע ער בעהאַלט פון אונז אויס זיין וואַהרע וועזענטליכ־קייט, פעסטונגען און טהורעמס פערשידענע, אין וועלכע ער בעהאַלט זיך פון אונזער אויג אויס.“

דער פּאַנטעאיזם אָבער פון שפּינאָזאַ לעהרענט אונז, ווי מיר האָבען שוין איינמאָל אין אַ פריהערינען אַרטיקעל געשריבען, אַז די איינציגע ווירקליכע רעאַליטעט איז נאָר די עמפּירישע וועלט. די געטהייט, אויך וויפיעל זי עקזיס־טירט, עקזיסטירט נאָר אין איהר אַנוועזענהייט אין אַלעם דעם, וואָס עקזיסטירט און לעבט אין גרויסען און אונענד־ליכען יש, אָבער ניט אויסער איהם.

די פאָרמולאַ פון שפּינאָציזם, אַז „אַלעס איז גאָט און גאָט איז אַלעס“ מיינט אין עצם עיקר איהרען פאָלגענדע צו־זאָגען: די שאַפענדע כחות וואָס געפינען זיך אין אַלעם דעם, וואָס לעבט און עקזיסטירט, די אַלע געזעצען, וואָס רעגיערען

און פיהרען דעם גאַנצען אוניווערזום — דאָס אַלעס — און נאָר דאָס אַלעס — איז גאָט. ביים בעל שם אָבער און ביי די אַלע אנדערע פאָרשטעהער פון דער אידישער קבלה, אויף וויפיעל אויך זיי האָבען מיט איהר אינהאַלט — אויב ניט מיט דער פאָרמולא אליין — אָפּעריערט, מיינט דאָס פאָלגענ־דעס: א י ן אַלעם דעם, וואָס לעבט און עקזיסטירט איז גאָט פערהאַן. לית אתר פנוי מניה. ער איז ניט נאָר דאָס, וואָס ער איז, און דאָרטען, אוואו ער איז. אויך דער גאַנצער אוניווערזום איז גאָט. אויך אין איהם איז זיין כבוד פול. די שאַפענדע כחות, וואָס געפינען זיך אין דער נאַטור. די אַלע געזעצען, וואָס רעגיערען און פיהרען דעם גאַנצען אוני־ווערזום, זענען ניט די געטהייט אַליין, נאָר איהרע פענאָמע־נען, געוויסע פאָרמען, אין וועלכע עס ווערט איהר שאַפענדע ענערגיע פערקערפּערט.

דיעזע פאָרמולא ענטפערט, לויט דעם אינהאַלט, וואָס דער שפּינאָציזם לעגט אין איהר אריין, אויף דער פראַגע: „וואָס איז גאָט?" גאָט איז נאָר דאָס, זאָגט אונז דער שפּי־נאָציזם, וואָס מיר בעדאַרפען בעצייכענען אַלס די נשמה, אַלס דעם כח החיים, וואָס מיר געפינען אין אוניווערזום. ביים בעל שם אָבער איז דיעזע פאָרמולא ניט קיין ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס איז גאָט?" נאָר אויף דער פראַגע: „אוואו איז גאָט?" וואָס גאָט איז אזוינס אין זיין עיקר וועזענטליכקייט, לערענט אונז דער בעל שם, ווייסען מיר ניט. מיר קענען איהם אהנען נאָר אין זיינע התגלות׳ען. און זיינע התגלות׳ען זענען אומעטום און איבעראַל.

דער שפּינאָזישער פאַנטעאיזם גרעניצט זיך מיט אַטע־איזם. ער לייקענט אין דער עקזיסטענץ פון דער געטהייט אַלס א וועזען, וואָס טראָגט זיין רעאַליטעט אין זיך אַליין. דאַגעגען אָבער איז דער בע״ש׳טער פאַנטעאיזם דער העכ־

סטער אויסדרוק פון גלויבען אין גאָט. ער איז די שענסטע פערפאָלקאָמונג, פערפיינערונג און פערטיעפונג פון דעם אי־דישען מאָנאָטעאיזם. גאָט איז נים נאָר די טרייבענדע קראפט פון גאנצען אוניווערזום. ער איז אויך דער פרייער ווילען זיינער. ער איז דאָס געוויסען און דאָס בעוואוסטזיין פון דער וועלט. ווי אבסטראקט, אונזעהבאר און אונבעגרייפליך ער איז נים, איז ער דאָך „מענשליך,“ כביכול. מען קען רעדען צו איהם, מען קען פאַר איהם דאָס הארץ אויסגיעסען. מען קען פאַר איהם די נשמה אויסוויינען. עס בעגלייט זיין אנ־וועזענהייט דעם מענשען אין יעדען גרויסען אומגליק זיינעם, אין יעדער גרויסער פרייד זיינער. ער לאָזט איהם נים איבער עלענד אין זיין אומגליק. ער טיילט מיט איהם אויך אלע זיינע גרויסע פריידען.

דער גאָט אבער פון שפינאָזאַ איז טויב און שטום און בלינד. און ווייט איז ער פון מענשען און פרעמד פון איהם. ניט נאָר איז ער ניט דער מנהיג און פיהרער פון „כל מעשי־האדם־ותחבולותיו“, ער איז אויך איבער זיך אליין קיין בעל הבית נים. ער האָט גאַר אינגאַנצען קיין פרייען ווילען נים. ער איז דער שקלאף פון דראנג צו שאפען, וואָס לעבט אין איהם. עס איז ניטאָ פאַר ועמען צו וויינען, ועמען צו בעטען און פאַר וועמען צו רעדען. נים ער וויל ווען עס איז עפּיס צו ענדערען און נים ער קען עס טהון. א געשמיעדטער איז ער שטענדיג אין די אייזערנע קעטען פון אורזאכען און קאָנ־סעקווענצען.

און דאָ קומען מיר צום העכסטען און שענסטען פונקט אין דער מעטאפיזישער שיטה פון בעל שם, דורך וועלכען ער אונטערשיידעט זיך אם שארפסטען פון שפינאָזישען פאנטע־איזם.

דער בע״ש׳טער פאנטעאיזם לעהרענט אונז, אז די טריי־

בענדע קראַפט אין דער נאַטור איז דער שטענדיג־פרייער ווי־לען פון גאָט. ער איז אין קיינע קעטען געבונדען. ער איז אַב־סאָלוט פריי אין זיין שאַפענדער טעטיגקייט. עס איז פאַר איהם קיין מוז פערהאַן. דאָס מעגליכע פאַר איהם ווייסט אויך פון קיינע גרעניצען ניט. ער האָט מיט זיין פרייען ווילען די וועלט בעשאַפען פון זיך אליין. מיט זיין פרייען ווילען וואָלט ער זי אויך יעדען מאָמענט אומבריינגען געקענט. יעדען מאָ־מענט וויעדער קען ער אויך די אלע סדרי בראשית משנה זיין. ער איז פון קיינע אורזאַכען־ און קאָנסעקווענצען־קע־טען ניט געבונדען. ער איז דער בעל הבית איבער די גזוע־צען, וואָס ער האָט בעשאַפען. ניט זיי איבער איהם. ניט נאָר איז די וועלט דורך איהם בעשאַפען געוואָרען, נאָר זי ווערט דורך איהם אויך געפיהרט. און די גאַנצע עקזיסטענץ און דאָס גאַנצע לעבען איז מעגליך נאָר דערפאַר, וואָס גאָט נעהמט אפילו אויף קיין איין סעקונדע ניט אוועק פון די אלע וועלטען די כונה און השגחה זיינע. זיי בעדאַרפען שטענדיג אָנקומען צו איהם.

„ער איז דער „רב" און דער „שליט," דער עיקר און דער שורש פון די אלע וועלטען. און ווען ער וואָלט, חלילה, צו־נעהמען זיין חיות פון זיי אפילו אויף איין רגע כממרא, וואָלטען די אלע עולמות בטל געוואָרען."

„ווען דער מלכו של עולם וואָלט זיין געזיכט פון אונז בעהאַלטען, וואָלט דאָס גאַנצע לעבען אויסגעלאָשען געוואָ־רען. ווען די שכינה וואָלט פון דעם אוניווערזום איהר השפעה אוועקגענומען, וואָלט אַלעס, אַלעס זיין לעבען און עקזיסטענץ פערלאָרען."

די אלע מילי־מיליאָנען פערשיעדענע פאָרמען פון לעבען און עקזיסטענץ זענען אין עיקר תוך זייערען דאָס לעבען און עקזיסטענץ פון דער געטהייט אליין.

וואָרום „עס איז א גרויסער אונטערשיעד פערהאַן — זאָגט אונז דער בעל שם — צווישען די מעשי־ידיו פון א בשר־ודם־מייסטער און צווישען די מעשי־ידיו, כביכול, פון גאָט."

עס איז א גרויסער אונטערשיעד אין דעם כאַראַקטער זייערען צוליעב דעם, וואָס עס איז א גרויסער אונטערשיעד פערהאַן אין דעם מעטאָד, ווי אזוי אַן אומן בשר ודם שאַפט און ווי אזוי כביכול האָט זיינע מעשי־ידיו בעשאַפען.

און אויף פאָלגענדען אופן אילוסטרירט דער בעל שם דיעזען גערדאַנק זיינעם:

„דער גאָלדשמיעד, למשל, נעהמט שטיקלעך זילבער פערשיעדענע און מאַכט פון זיי איין שענע און פיינע כלי. לעגט ער אין איהר, נאַטירליך, בשעת ער פערפערטיגט זי, זיין גאַנצע חכמה אריין. אַלעס, אויף וועלכען ער איז פעהיג. דער כח הפועל פערקערפערט זיך אין נפעל. דורך דעם ווערט די כלי געמאַכט. נאָכדעם אָבער, וואָס זיין פעולה איז פער־ענדיגט געוואָרען. נאָכדעם אָבער, וואָס די כלי איז שוין פאָל־שטענדיג געמאַכט געוואָרען, האָט שוין דער מייסטער, וואָס האָט זי געשאַפען, קיין שום געדאַנק ניט איבער איהר. ער האָט שוין מיט איהר גאָר ניט וואָס צו טהון. די כלי געפינט זיך תמיד אויף איהר געוועהנליכען בעשטאַנד, אָהנע צו פיה־לען אויף זיך די השגחה פון מייסטער, אָהנע זי זאָל בעדאַר־פען שטענדיג די שמירה פון זיין וואַכענדען אויג האָבען."

„דאָס אַלעס איז דערפאַר, וואָרום ער האָט געמאַכט די כלי א „יש מיש": פון שטיקלעך זילבער האָט ער א שענע כלי געמאַכט. דעריבער בעדאַרף זי שוין ניט צום מייסטער אָנקומען נאָכדעם, וואָס זי איז פערענדיגט געוואָרען. וואָרום אין עיקר איהרען איז זי געווען אין עקזיסטענץ נאָך איידער

זי איז אין דער האנד פון מײַסטער אריינגעפאלען. דער מייסטער האט נאר די פארם איהרע געשאפען, אבער ניט די מאטעריע איהרע.״

„אנדערש איז דאס אבער בנוגע צו אלעם דעם, וואס גאט האט בעשאפען. ווארום ער האט בעשאפען די אלע וועלטען א יש מאין. פאר דער בריאה איז קיין שום נברא און קיין שום נמצא גאר אינגאנצען במציאות ניט געווען. דעריבער איז אויך נאך דעם, וואס די יצירה איז בעשאפען געווארען, וואלטען די עולמות געווארען דאס, וואס זיי זענען געווען איידער זיי זענען בעשאפען געווארען. זיי וואלטען אין תהו ובהו פערוואנדעלט געווארען, ווען דער בורא וואלט אויף איין רגע אפילו פון זיי זיין השגחה אוועקגענומען.״

דאס אלעם לעהרענט אונז דער פאנטעאיזם פון בעל שם.

אנדערש איז דאס אבער לויט דעם פאנטעאיזם פון שפינאזא.

די שאפענדע טעטיגקייט פון דער געטהייט — לעהרענט אונז דער שפינאציזם — איז א מוז. א פאראויס בעשטימטע זאך. די געטהייט מוז שאפען. זי האט ניט קיין ווילען און איז אויך ניט פריי אין איהר לעבען. אלעס, וואס זי שאפט, איז כמעט לויט א פאראויס־בעשטימטען פלאן, וועלכער קען אפילו אויף דעם קלענסטען קוצי של יוד ניט געענדערט ווערען. אלעס, וואס ווערט געשאפען, אלעס, וואס עקזיסטירט און וועט אויך ביז צו דער טיעפער אונענדליכקייט עקזיסטירען, איז שוין אין דעם ערשטען מאמענט, ווען די אונענדליכקייט איז, בביכול, געבוירען געווארען, אלס עמבריא געלעגען. אלעס איז שוין דאמאלס — ביז צו א געוויסען זינן — בעשאפען געווארען. אלעס לעבט און עקזיסטירט אין זכות און מיט דעם כח פון אט יענעם ערשטען מאמענט, ווען דער יוצר צוזאמען מיט דער יצירה זענען, כביכול, צו זיין התגלות